עִקַּר הָרוּחַ־חַיִּים מְקַבְּלִין מֵהַצַּדִּיק (תורה ח)

קונטרס

# רוחא דחיי

שיחות ומאמרים
ע"פ משנתו של
רביה"ק מוהר"ן מברסלב זי"ע

מאת
הרה"ח ר' חיים בנימין ורטהיימר ז"ל

קונטרס ז'

"כבוד התורה - חלק ב'"

# תוכן השיחה


די 'מטרוניתא'

'מסכתא' – לערן און וויין!

"דאוועגען לערנען און דאוועגען"

מיר מיינען נישט קיין געלט..

"הראיתם כבוד התורה כזה?!"

'דעם רעבינ'ס זאך' לייגט זיך אנדערש...

רבוש"ע איך קלעפ זיך נישט מיט די גמרא..

גהינום וגן עדן משמשים בערבוביא

"מרבה ישיבה" חיזוק פאר א כולל יונגערמאן


הערות והארות ניתן לפנות לטל' 0534159773


© כל הזכויות שמורות


כדי לקחת זכות והשתתפות בהוצאת הקונטרסים ניתן לפנות

בירושלים 05331.93747 בבי"ש 05341.52325

לתרומה ממוחשבת בכרטיס אשראי בטל' 037630585 שלוחה 6491 1<

ניתן להאזין לשיעור בטל' 0723323796 4<7 7<7


גרפיקה ועימוד: י. גרוס 0527644765


להשתתפות בהוצאת הקונטרס ולקיחת חלק בזיכוי הרבים בעת שמחתכם או לזכרון יקיריכם נא לפנות לטל' 0534159773

חלק מהוצאות הקונטרס נתנדב
ע"י
ר' שלמה נחמן וויסשטיין שליט"א
לרגל שמחת הבר מצוה
לבנו אפרים שלום ני"ו
ובזכות מצוות זיכו הרבים
יזכו לרוות רוב נחת דקדושה
ממנו ומכיוצ"ח

# כבוד התורה חלק ב

## הדרך הנכונה בלימוד התורה ובמעלתו של ה'כולל יונגערמאן'

[המשך השיחה שנמסרה בכוללים שע"י מוסדות קרן אור - זמן חורף תשפ"ב]

בַּחֹל, וָאֵרֶא בַּחֲלוֹם וְהָיְתָה חֲתֻנָּה וְהָיוּ שָׁם כַּלּוֹת הַרְבֵּה וְכַלָּה אַחַת הָיְתָה בֵּינֵיהֶם חֲשׁוּבָה מִכֻּלָּם וְהָיְתָה נִרְאָה בְּעֵינֵי הָעוֹלָם חֲשׁוּבָה מֵהֶם, וְהָיוּ שָׁם קַפֶּלְיֶעס [מַקְהֵלוֹת] הַיְנוּ כְּלֵי שִׁיר שֶׁהָיוּ מְנַגְּנִים.

וְרָאִיתִי שֶׁנִּפְתַּח פֶּתַח וְנִכְנְסוּ אֶל הַיְשִׁיבָה וְהָיוּ מִתְאַסְּפִים הָמוֹן רַב אֶל הַיְשִׁיבָה. וּכְשֶׁרָאִיתִי שֶׁהֵם מִתְרַבִּים וְהוֹלְכִים הָיִיתִי מְחַשֵּׁב אֵיךְ אוּכַל לִכְנֹס בֵּין הָמוֹן רַב כָּזֶה.

וְחָטַפְתִּי עַצְמִי לְשָׁם וְהָיִיתִי עוֹמֵד עַל גַּבָּם וְהָיָה שָׁם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שֶׁהָיָה לוֹמֵד עִמָּהֶם וְהָיָה שָׁם כְּבוֹד הַתּוֹרָה גָּדוֹל מְאֹד מְאֹד וְהַכַּלּוֹת הָיוּ מְרַקְּדִים. וְעִקָּר הָיָה הַכַּלָּה הַחֲשׁוּבָה הַנַּ"ל שֶׁהִיא הָיְתָה מְרַקֶּדֶת שָׁם. וְכָל מַה שֶּׁהָיְתָה הַקַּפֶּלְיֶע מְנַגֶּנֶת אֵיזֶה נִגּוּן הָיְתָה הִיא מְזַמֶּרֶת הַנִּגּוּן בְּעַצְמָהּ אַחַר־כָּךְ. **וְהָיָה שָׁם כְּבוֹד הַתּוֹרָה גָּדוֹל מְאֹד וְנִפְלֵאתִי הַרְבֵּה מְאֹד עַל גֹּדֶל כְּבוֹד הַתּוֹרָה שֶׁהָיָה שָׁם.**

**וְדִבַּרְתִּי עִם אֲנָשִׁים שֶׁהָיִיתִי מַכִּיר עִמָּהֶם, הַרְאִיתֶם כְּבוֹד הַתּוֹרָה כָּזֶה. וּכְפִי הַנִּרְאֶה הָיוּ עוֹסְקִים בְּלִמּוּד הַפָּשׁוּט בְּנִגְלֶה כִּי הַנִּרְאֶה שֶׁהָיוּ שָׁם רַבָּנִים וְגַם הַסְּפָרִים הָיוּ מַרְאִים עַל זֶה שֶׁהָיוּ סְפָרִים גְּדוֹלִים מְאֹד כְּדֶרֶךְ הַלִּמּוּד הַנַּ"ל.** (חיי מוהר"ן סיפורים חדשים פ"ח)

## די 'מטרוניתא'

דערציילט דער רבי אזוי: "**בחול, ואראה בחלום**" - דער רבי דערציילט א חלום - "**והיתה חתונה והיו שם כלות הרבה** " - אז ס'געווען א חתונה און ס'איז געווען דארטן אסאך כלות. "**וכלה אחת היתה ביניהם חשובה מכולם**" - איין כלה איז געווען וואס זי איז געווען חשוב'ער מער ווי אלע כלות. וואס אזוי ווי מ'זאגט דא, אז די בת מלך וואס "בְּתוּלוֹת אַחֲרֶיהָ, רֵעוֹתֶיהָ מוּבָאוֹת לָךְ[א]" - ס'דא א כלה, און זי האט אסאך קליינע כלות, "עֲלָמוֹת אֵין מִסְפָּר" שטייט.

[ב]אין תורה ע"ז ברענגט אויך דער רבי אזוי (אז ס'איז דא א גרויסע כלה מיט אסאך קליינע – מטרוניתא ועלמין דילה. און אזוי ווי מיר וועלן זעהן) - זאגט דער רבי[ג]: "**והיה ה' למלך על כל הארץ, הכלל הוא, שכל מה שאנו עושים הן התפילה והן לימוד, הוא** [אלעס איז] **כדי שיתגלה מלכותו יתברך**. יעדער זאך, מ'איז מתפלל אדער מ'לערנט – מיינט (מען) איין זאך, אז פון דעם זאל נתגלה ווערן מלכותו יתברך.

---

**א.** ראה בסוף קונטרס ו' שם נדפס חלק הראשון של השיעור הנוכחי, ושם נתבאר דברי רביה"ק בתורה ב' מענין ניצוצי הנשמות וכו' שנעשים ע"י לימוד התורה שהם באים ומתחברים לתוך התפילה ויחד נעשה היחוד ע"י הצדיק, וכדברי רביה"ק "וְהַנְּשָׁמוֹת הַמְלֻבָּשִׁין בַּתְּפִלָּה הַמּוּבָאוֹת לַצַּדִּיק שֶׁבַּדּוֹר, הֵם בִּבְחִינַת "בְּתוּלוֹת אַחֲרֶיהָ רֵעוֹתֶיהָ מוּבָאוֹת לָךְ" עיי"ש.

**ב.** הולך ומקדים כמה ענינים ואח"כ חוזר ומבאר על פיהם המשל של החתונה בחיי מוהר"ן פ"ח.

**ג.** לתועלת הקוראים נעתיק כאן את כל התורה בשלימותה וז"ל: [לְשׁוֹן הַחֲבֵרִים] וְהָיָה ה' לְמֶלֶךְ עַל כָּל הָאָרֶץ דְּהִנֵּה הַכְּלָל הוּא, שֶׁכָּל מַה שֶּׁאָנוּ עוֹשִׂים, הֵן הַתְּפִלָּה, וְהֵן לִמּוּד הוּא כְּדֵי שֶׁיִּתְגַּלֶּה מַלְכוּתוֹ יִתְבָּרַךְ כי ההבל פה הוא בחינת ה' וְהַקּוֹל הוּא בְּהַמְשָׁכָה הוּא בְּחִינַת ו', וּכְשֶׁלּוֹמֵד אוֹ מִתְפַּלֵּל בִּדְחִילוּ וּרְחִימוּ, נִתְגַּלֶּה בְּחִינַת י"ה וּכְשֶׁלּוֹמֵד הֲלָכָה בְּאֹפֶן זֶה, בּוֹרֵא עוֹלָם אֶחָד וּכְשֶׁלּוֹמֵד כָּל הַמַּסֶּכְתָּא, נַעֲשֶׂה מַטְרוֹנִיתָא וְהַהֲלָכוֹת הֵן עָלְמִין דִּילֵהּ כִּי אֵין מֶלֶךְ בְּלֹא עַם וְזֶה: "וְהָיָה ה לְמֶלֶךְ עַל כָּל הָאָרֶץ", שֶׁנִּתְגַּלֶּה מַלְכוּתוֹ. [מְבֹאָר לַמְעַיֵּן שֶׁחָסֵר כָּאן רֻבּוֹ כְּכֻלּוֹ כִּי עִקַּר הַמְכֻוָּן חָסֵר מִן הַסֵּפֶר וְלֹא זָכִיתִי לַעֲמֹד כְּלָל עַל דְּבָרִים אֵלּוּ].

איז דער רבי מסביר: **"כי ההבל פה הוא בחינת ה' והקול הוא בהמשכה הוא בחינת ו', וכשלומד או מתפלל בדחילו ורחימו, נתגלה בחינת י"ה** (ווען א מענטש לערנט און דאווענט איז דא פיר זאכן אנטקעגן די פיר אותיות פון שם הוי"ה; די 'קול' און די 'הבל פה' איז ו"ה, און די 'אהבה' און 'יראה' איז י"ה). **"וכשלומד הלכה באופן זה, בורא עולם אחד"** - אז מ'לערנט א הלכה מיט א קול, מיט אהבה ויראה, ווערט באשאפן א עולם. יעדער הלכה וואס מ'לערנט, ווערט פון דעם א עולם!

**"וכשלומד כל המסכתא "** – ווען מ'לערנט א גאנצע מסכתא, א גאנצן ענין -**"נעשה מטרוניתא"**, מטרוניתא דאס איז א מלכה, א כלה. **"וההלכות הן עלמין דילה"** - די אלע הלכות, די פרטים פון די מסכתא; דאס איז 'עלמין דילה' (אירע עולמות). די 'עולמות' איז מלשון 'עֲלָמוֹת' (ביידע איז פון זעלבן שורש **ע.ל.ם**), אסאך מאל שטייט די מושג אז די עלמות דאס איז די עולמות[ד].

**"כי אין מלך בלא עם"** - דאס הייסט אז די מטרוניתא (די מסכתא) זי איז די 'מלכות'. און די הלכות (עלמות) דאס איז דער "עם".

**"וזה והיה ה' למלך על כל הארץ, שנתגלה מלכותו"**[ה] - ווי אזוי איז די מלכות? ווי אזוי איז דאס א מלכות?! – אז ס'איז דא די גאנצע מסכתא, די

---

**ד.** ראה תיקוני זוהר הקדמה דף י"ד ע"ב: כְּזֹהַר הָרָקִיעַ דָּא הֲלָכָה, דְאִיהִי קַבָּלָה לְמֹשֶׁה מִסִּינַי, **וְכַמָּה עוּלֵימָאן אִית לָהּ דְּאִינּוּן הֲלָכוֹת** פְּסוּקוֹת, דְּאִתְּמַר בְּהוֹן (שיר ו ח) **וַעֲלָמוֹת אֵין מִסְפָּר**, וְאִיהִי סָלְקָא עַל כֻּלְּהוּ, הֲדָא הוּא דִכְתִיב וְאַתְּ עָלִית עַל כֻּלָּנָה. [..] וְדָא הוּא וַעֲלָמוֹת אֵין מִסְפָּר, וְאִלֵּין עֲלָמוֹת **אַל תִּקְרֵי עֲלָמוֹת, אֶלָּא עוֹלָמוֹת**. [..] בְּגִין דָּא אוּקְמוּהוּ קַדְמָאִין, כָּל צַדִּיק וְצַדִּיק אִית לֵיהּ עוֹלָם בִּפְנֵי עַצְמוֹ, **וְכָל מָאן דְּזָכָה לַהֲלָכָה חַד יָרִית עָלְמָא חָד**, כָּל שֶׁכֵּן מָאן דְּזָכֵי לְמַסֶּכְתָּא חֲדָא, אוֹ לִתְרֵין, אוֹ לְשִׁתִּין, דְּאִתְּמַר בְּהוֹן שִׁשִּׁים הֵמָּה מְלָכוֹת, **דְּכָל מַסֶּכְתָּא מַטְרוֹנִיתָא אִיהִי בְּגַרְמָהּ**, זַכָּאָה אִיהוּ מָאן דְּיָרִית לָהּ בְּהַאי עָלְמָא, **דַּהֲלָכָה עוּלֵימָא דְמַטְרוֹנִיתָא**, דְאִיהִי קַבָּלָה, זַכָּאִין אִינּוּן דְּמִשְׁתַּדְּלִין בִּשְׁכִינְתָּא דְאִיהִי עַל כֻּלְּהוּ בַּהֲלָכָה, לְאַפָּקָא לָהּ מִן גָּלוּתָא.

**ה.** כי כשאדם לומד הלכה ויש בו את הד' בחינות של ד' אותיות הוי"ה (הבל פה קול אהבה ויראה) ע"ז הוא גורם יחוד שם ה' (י"ה בו"ה) ועי"ז נתגלה מלכות ה' בעולם. ובפירוט יותר שע"י לימוד הלכה אחת נברא עולם אחד, וכל אלו העולמות שהם בחי' 'עלמות אין מספר' שהם פרטי המסכתא על ידם נעשית המטרוניתא הגדולה והם עלמין דילה. (ודבר זה עדיין צ"ב וכנראה לכל המעיין וכבר כתב מוהרנ"ת שעיקר המכוון חסר כאן וכו' אולם לפום ריהטא הכלל היוצא מתוך

מסכתא, דער כבוד פון די מסכתא.. – אז ס'האט אין זיך אסאך הלכות ווערט א מסכתא. (און דאס איז די גרויסע כלה וואס זי, האט אונטער זיך אסאך קליינע כלות, אזוי ווי מיר וועלן שפעטער זעהן).

## 'מסכתא' – לערן און וויין!

וואס איז דאס א מסכתא? - אין תורה רס"ב' זאגט דער רבי: **"כשמתחיל לחדש בתורה אזי מתחיל לנבוע מעיין, בבחינת ומעיין מבית ה' ייצא שהוא השכל, כמו שכתוב בחכמה יבנה בית".** וואס איז תורה?! ס'גייט א מעיין! ס'גייט א מעיין, 'ומעין מבית ה' ייצא'. 'בית' דאס איז די 'חכמה' (ב'חכמה' יבנה 'בית') און ס'גייט ארויס פון אים א 'מעיין החכמה'. פון 'בית השם' גייט ארויס דער שכל דקדושה; די חידושי תורה - ס'גייט ארויס א מעיין..

---

דברי רביה"ק שממסכתא שלימה נעשית גילוי ויחוד יותר גדול וכו'). וראה בליקוטי עצות מהדו"ב ערך תורה אות ד' שמסכם זאת בקצרה: כְּשֶׁלּוֹמֵד תּוֹרָה בְּאַהֲבָה וְיִרְאַת ה', עַל יְדֵי זֶה נִבְרָא מִכָּל הֲלָכָה עוֹלָם אֶחָד. וּכְשֶׁלּוֹמֵד כָּל הַמַּסֶּכֶת הִיא בְּחִינַת מַטְרוּנִיתָא, וְהַהֲלָכוֹת הֵן עָלְמִין דִּילָהּ, וְעַל יְדֵי זֶה נִתְגַּלָּה מַלְכוּתוֹ יִתְבָּרַךְ.

**ז.** להבנת המשך השיעור נעתיק כאן את כל התורה בשלימותה וז"ל: דַּע, שֶׁעַל יְדֵי הִתְחַדְּשׁוּת הַתּוֹרָה נַעֲשֶׂה נְהָרוֹת כִּי כְּשֶׁמַּתְחִיל לְחַדֵּשׁ בַּתּוֹרָה, אֲזַי מַתְחִיל לִנְבֹּעַ מַעְיָן בִּבְחִינַת: "וּמַעְיָן מִבֵּית ה יֵצֵא" שֶׁהוּא הַשֵּׂכֶל כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב: "בְּחָכְמָה יִבָּנֶה בָּיִת" וְזֶה הַמַּעְיָן בַּתְּחִלָּה הוּא צַר וְקָטָן וְאַחַר כָּךְ מִתְרַחֵב וּמִתְפַּשֵּׁט יוֹתֵר וְיוֹתֵר, עַד שֶׁנַּעֲשֶׂה מִמֶּנּוּ נְהָרוֹת וְהַכֹּל בָּאִים לִשְׁתּוֹת מֵאֵלּוּ הַנְּהָרוֹת. עַל כֵּן מִי שֶׁרוֹצֶה לְחַדֵּשׁ חִדּוּשִׁין דְּאוֹרַיְתָא שֶׁיֵּשׁ בָּהֶן מַמָּשׁ הוּא צָרִיךְ לִבְכּוֹת מִקֹּדֶם כִּי כְּשֶׁנַּעֲשִׂין נְהָרוֹת הַנַּ"ל וְהַכֹּל בָּאִים לִשְׁתּוֹת מֵהֶם אֲזַי יָבוֹאוּ גַּם כֵּן קְלִפּוֹת וְסִטְרָא אָחֳרָא, חַס וְשָׁלוֹם, לִשְׁתּוֹת גַּם כֵּן מִשָּׁם עַל כֵּן צָרִיךְ לִבְכּוֹת מִקֹּדֶם וַאֲזַי עוֹשֶׂה עַל יְדֵי הַבְּכִי נְהָרוֹת, בִּבְחִינַת: "מִבְּכִי נְהָרוֹת חִבֵּשׁ" שֶׁעַל יְדֵי הַבְּכִי מְתַקֵּן נְהָרוֹת וּמִשָּׁם שׁוֹתִין דֵּי סִפּוּקָם כָּל הַקְּלִפּוֹת וְסִטְרָא אָחֳרָא וְאַחַר כָּךְ כְּשֶׁעוֹשֶׂה נְהָרוֹת מֵחִדּוּשִׁין דְּאוֹרַיְתָא שֶׁמְּחַדֵּשׁ אַחַר כָּךְ אֲזַי יָכוֹל לְהַמְשִׁיכָם רַק לִמְקוֹמוֹת שֶׁצָּרִיךְ, שֶׁלֹּא יִשְׁתּוּ מִמֶּנּוּ זָרִים וְעַל כֵּן חִבּוּר הַהֲלָכוֹת וְהַחִדּוּשִׁין נִקְרָא מַסֶּכֶת זֶה בְּחִינַת "וְשִׁקֻּוַי בִּבְכִי מָסָכְתִּי" שֶׁצָּרִיךְ לִמְסֹךְ הַמַּשְׁקֶה בִּבְכִי, כִּי צָרִיךְ לִבְכּוֹת מִקֹּדֶם כַּנַּ"ל וְזֶה בְּחִינַת: "עַל נַהֲרוֹת בָּבֶל שָׁם יָשַׁבְנוּ גַּם בָּכִינוּ" זֶה בְּחִינַת תַּלְמוּד בַּבְלִי שֶׁנַּעֲשָׂה אֵצֶל הַיְשִׁיבוֹת שֶׁמֵּהֶם נַעֲשִׂין נְהָרוֹת כַּנַּ"ל גַּם בָּכִינוּ כִּי צָרִיךְ לִבְכּוֹת מִקֹּדֶם, בִּבְחִינַת: "וְשִׁקֻּוַי בִּבְכִי מָסָכְתִּי" כַּנַּ"ל.

**"וזה המעיין בתחילה הוא צר וקטן ואח"כ מתרחב ומתפשט יותר ויותר, עד שנעשה ממנו נהרות והכל באים לשתות מאלו הנהרות"** - גאנצע טייכן ווערט פון דעם מעיין! ס'האט אין זיך השפעות טובות, אלע קומען טרינקען פון דעם.. אלע השפעות גייט פון דעם מעיין השכל, פון דעם מעיין התורה.

**"ע"כ מי שהוא רוצה לחדש חידושין דאורייתא שיש בהם ממש, הוא צריך לבכות מקודם"** - דארף ער אסאך וויינען פארדעם, "דארף מען אסאך וויינען". מ'דארף אסאך וויינען פאר (ווען) מ'לערנט!

פארוואס? - **"כי כשנעשין נהרות הנ"ל והכל באים לשתות מהם, אזי יבואו גם כן קליפות וסטרא אחרא ח"ו לשתות גם כן מהם"** - פון די נהרות וואס קומט ארויס פון דעם 'מעיין השכל', קען פון דעם ווערן א יניקת הקליפות; זיי קומען אויך, זיי נעמען אויך א יניקה פון דעם, זיי נעמען אויך כח פון דעם מעיין השכל.

**"על כן צריך לבכות מקודם** - דארף מען אסאך וויינען פאר מ'לערנט - **ואזי עושה ע"י הבכי נהרות בבחינת 'מִבְּכִי נהרות חִבֵּשׁ'** (חִבֵּשׁ מל' תיקון וחיבוש)" - מאכט ער אז פון דעם בכי ווערט טייכן טרערן, "טייכן טרערן ווערט פון דעם".

**"שעל ידי הבכי מתקן נהרות"** - פון דעם וויינען ווערט פון דעם נהרות - **"ומשם שותים די סיפוקם כל הקליפות וסטרא אחרא"** - אז די טייכן וואס ווערט פון די טרערן זיינע, דאס גיבט מען פאר די קליפות.

און נאכדעם - **כשעושה נהרות מחידושין דאורייתא שמחדש אח"כ, אזי יכול להמשיך רק למקומות שצריך, שלא ישתו ממנו זרים** – דעמאלט'ס איז פון די 'חידושי דאורייתא' (מעין השכל) וועט נישט ווערן קיין 'סם המות' פון דעם - ס'וועט גיין נאר אויף גוט'ס; ס'וועט נמשך ווערן אויף גוטע פלעצער.

(קומט אויס אז די נהרות וואס ווערט דורך דעם בכי איז מתקן די נהרות פון די חידושי תורה).

זאגט דער רבי: "**ועל כן, חיבור ההלכות והחידושין נקרא 'מסכתא'** - פאר וואס רופט זיך דאס 'מסכתא'? - **זה בחינת 'וְשִׁקֻּוַי בבכי מָסָכְתִּי'"** - ס'איז א געוויין, א גָאס. **"שצריך למסוך** (- אויס מישן) **המשקה בבכי** - וואס הייסט א

מסכתא, א מסכתא הייסט אז מ'האט פארגאסן טרערן! דאס הייסט א מסכתא - **כי צריך לבכות מקודם".** ('מסכתא' און 'מסכתי' איז פון זעלבן שורש מ.ס.כ).

**"וזה בחינת 'על נהרות בבל שם ישבנו גם בכינו'** - וואס איז דאס נהרות בבל – **'נהרות בבל' זה בחינת תלמוד בבלי שנעשה אצל הישיבות".** אין בבל האט מען געלערנט, וואס האט מען געטאן אין בבל?! ס'געווען ישיבות דארטן - **שמהם נעשין נהרות כנ"ל** (- אז פון דער לערנען ווערט טייכן)".

**"וזהו 'גם בכינו' כי צריך לבכות מקודם"** - דארף מען אסאך וויינען, פאר מ'לערנט די גמרא, תלמוד בבלי - מ'לערנט א מסכתא, מ'לערנט די הלכות, וואס מ'לערנט.. דארף מען אסאך וויינען - אז נישט קומט אן דער לערנען צו די קליפות. אז מ'וויינט, דעמאלט'ס ווערט פון די תורה נאר שפע, נאר השפעות טובות ווערט פון דעם.

דער רבי האט דערציילט[ז] - אז (דער רבי) יעדער זאן; אז ער האט אנגעהויבן לערנען 'משניות', און ער האט נישט פארשטאנען די משניות - האט ער געוויינט און געוויינט.. ער האט אנגעהויבן לערנען 'שולחן ערוך', ער האט געלערנט 'כתבי האר"י, ער האט נישט פארשטאנען - האט ער געוויינט

---

**ז.** שבחי הר"ן אות ח וזל"ש: וְסִפֵּר שֶׁכָּל לִמּוּדוֹ בָּא לוֹ בִּיגִיעָה גְּדוֹלָה כִּי בִּתְחִלָּה הָיָה לוֹמֵד מִשְׁנָיוֹת וְלֹא הָיָה מֵבִין לִמּוּדוֹ, **וְהָיָה בּוֹכֶה הַרְבֵּה לִפְנֵי הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ שֶׁיָּאִיר עֵינָיו, וְהָיָה בּוֹכֶה וּבוֹכֶה כָּל כָּךְ עַד שֶׁזָּכָה** שֶׁיּוּכַל לִלְמוֹד מִשְׁנָיוֹת, וְכֵן אַחַר־כָּךְ לָמַד שְׁאָר סְפָרִים וְלֹא הָיָה מֵבִין גַּם כֵּן וְהָיָה בּוֹכֶה וּבוֹכֶה גַּם־כֵּן הַרְבֵּה מְאֹד עַד שֶׁזָּכָה לַהֲבִינָם. וְכֵן בְּלִמּוּד זֹהַר וְכִתְבֵי הָאֲרִ"י, זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, הָיָה בּוֹכֶה גַּם כֵּן הַרְבֵּה עַד שֶׁזָּכָה לְהָבִין. וְאָמַר: שֶׁבִּתְחִלָּה בְּכָל סֵפֶר וָסֵפֶר שֶׁלָּמַד לֹא הָיָה מֵבִין וְהָיָה קָשֶׁה לוֹ הַרְבֵּה וְלֹא הָיָה יָכוֹל לַעֲמֹד עַל פְּשׁוּטָן שֶׁל דְּבָרִים. וְהָיָה לוֹ יִסּוּרִים גְּדוֹלִים מִזֶּה וְהָיָה לִמּוּדוֹ בִּיגִיעָה גְּדוֹלָה, וְאַף־עַל־פִּי־כֵן לָמַד הַרְבֵּה מְאֹד. כִּי הָיָה מְחַזֵּק עַצְמוֹ מְאֹד **וְהַכֹּל זָכָה עַל־יְדֵי תְּפִלָּתוֹ וּבְכִיָּתוֹ** כַּנַּ"ל:

און געוויינט.. יעדער זאך; וואס דער רבי האט מקבל געווען - האט ער געוויינט אויף דעם.

**אלעס וואס דער רבי האט זוכה געווען, אלע מדריגות אין תורה - אלעס איז געווען מיט וויינען, אלעס איז געווען מיט וויינען**[ח] **- -**

דערפאר רופט זיך עס א "מסכתא" - א מסכתא הייסט אז מ'וויינט (בבכי מסכתי'). דאס איז תפילה - דאס זאגט ער, דאס זאגט דא דער רבי [אין תורה ע"ז] אז פון די 'עלמות' וואס דאס איז די 'עלמות אין מספר' - די 'עולמות' דאס איז די הלכות (עלמין דילה). און דער וויינען וואס מ'וויינט אויף דעם, דאס איז די 'מטרוניתא', דאס איז דער מעיין.

און דער וויינען אויף דעם, אז ס'ווערט פון תורה תפילה; אז ס'ווערט פון דעם צוזאמען איין זאך - פון דעם ווערט נתגלה מלכות ה' יתברך (והיה ה' למלך). א איד לערנט און ער דאוונט; **ער לערנט און ער וויינט, ער לערנט און ער וויינט** - דעמאלט'ס ווערט פון דעם איין זאך.

**ח.** וראה בחיי"מ ל"א: כְּשֶׁאָמַר הַתּוֹרָה הַנִּדְפֶּסֶת בְּסִימָן רס"ב בְּלִקּוּטֵי א' עַל פָּסוּק "וְשִׁקֻּוֵי בִּבְכִי מָסָכְתִּי", שֶׁקֹּדֶם חִדּוּשֵׁי תּוֹרָה צְרִיכִין לִבְכּוֹת. **אָמַר אָז עַל עַצְמוֹ שֶׁבְּכָל עֵת שֶׁהוּא מְחַדֵּשׁ חִדּוּשֵׁי־תוֹרָה הוּא בּוֹכֶה מִקֹּדֶם.** גַּם אָז בָּעֵת הַהִיא רָאִינוּ בְּעֵינֵינוּ עִנְיָן זֶה, כִּי בְּאוֹתָהּ הָעֵת אָמַר הַתּוֹרָה "וַיֹּאמֶר בֹּעַז אֶל רוּת" (תורה ס"ה) בְּיוֹם וָא"ו עֶרֶב־שַׁבַּת־קֹדֶשׁ, קַיִץ תקס"ו. גַּם קֹדֶם לָזֶה אָמַר הַתּוֹרָה "דַּע שֶׁיֵּשׁ אָרִיךְ אַנְפִּין דִּקְלִפָּה וְכוּ'" בְּסִימָן רמ"ב, **וּבְיוֹם חֲמִישִׁי שֶׁלְּפָנָיו בָּכָה לְפָנֵינוּ, וְאַחַר־כָּךְ בְּיוֹם שַׁבָּת שֶׁלְּאַחֲרָיו אָמַר הָעִנְיָן הַנַּ"ל עַל פָּסוּק: וְשִׁקֻּוַי בִּבְכִי מָסָכְתִּי.** (וראה בימי מוהרנ"ת י"א. וראה עוד בליקו"מ תורה כ', ב.)

[ומדי דברנו בעני"ז לא נוכל התאפק מלהעלות זכרון **המבא"ר הגדול** (רבי אברהם ב"ר נחמן) שדלה דלה לנו נהרות נהרות ממעיין ונחל הנובע מקור החכמ"ה - וכל זאת היה ע"י בכי ודמעות אשר מסך בהם את שיקוייו וחידושיו הנוראים, עד אשר בימי זקנותו כששבו העננים אחרי הגשם וכבר לא היה יכול לבכות, חיבש נהרות ולא חידש. אכן, מה נפלאים הם מעשי תלמיד נאמן זה שהתהלך בתמים בעצת ומעשי רבו וזכה למה שזכה.]

## "דאווענע לערנע און דאווענע"

דער רבי האט געזאגט[ט]: **"די מתנגדים זאגן 'נאר תורה', די חסידים זאגן 'נאר תפילה', און איך זאג; דאווענען און לערנען און דאווענען!".**

**"די מתנגדים זאגן נאר לערנען"** - דער "נפש החיים" האט א גאנצע אריכות[י], אז מ'האט דביקות ביים לערנען שטערט עס. דער עיקר, דער עיקר מעלה איז דער לערנען; לערנען! און לערנען מיינט 'לשמה' זאגט ער דער נפש החיים - לשמה מיינט כפשוטו, הלכה למעשה; אָן קיין דביקות.

אויב א מענטש פילט - אזוי זאגט ער - אויב א מענטש פילט, אז אינמיטן איז ער קאלט געווארן זאל ער לערנען מוסר אינמיטן, אינמיטן דארף מען אריינטאן דארטן אביסל "**קב חומטין**[יא]" - אבער דער לערנען מיינט נישט קיין

---

**ט.** ראה שיש"ק ח"ג שצ"ו: רבינו אמר **"די מתנגדים זאגן 'נאר תורה', די חסידים זאגן 'נאר תפילה', און איך זאג; דאווענען און לערנען און דאווענען!"** - "המתנגדים אומרים שהעיקר הוא רק לימוד התורה, החסידים אומרים שהעיקר הוא רק עבודת התפילה; ואני אומר: להתפלל ללמוד ולהתפלל!".

**י.** בשער ד' (פרקים א - י).

**יא.** ראה גמ' שבת דף ל"א: פלפלת בחכמה הבנת דבר מתוך דבר, ואפילו הכי אי יראת ה' היא אוצרו אין, אי לא לא. משל לאדם שאמר לשלוחו 'העלה לי כור חיטין לעלייה' הלך והעלה לו - א"ל 'עירבת לי בהן **קב חומטין**' {הם היו מניחים בתבואה אדמה מלוחה, כדי שתשמרם שלא ירקיבו} א"ל 'לאו' - א"ל 'מוטב אם לא העליתה' {והנמשל הוא: שאף אדם שלמד את כל התורה צריך שתהיה מעורבת בו "יראת ה'" כדי לקיים את אוצר התורה, ויתקיים לימודו בידו}. וכתב בנפש החיים (שער ד, ז): שבאמצע הלימוד הרשות נתונה לאדם להפסיק זמן מועט להתבונן מחדש ביראת ה', וזו כוונת חז"ל במאמרם "משל לאדם שאמר לשלוחו וכו' אמר לו ערבת לי בהן קב חומטין וכו' **ודבר זה הוא על ענין עסק חכמת התורה שראוי לערב בו את יראת ה' כדי שיתקיים תלמודו בידו.** [..] **וגם ב**{אמצע} **לימוד התורה רשאי להפסיק ולבטל זמן מועט כדי לגרום שתתקיים אצלו חכמת התורה.**

דביקות, פון לערנען ווערט נישט קיין דביקות - מ'דארף (נאר) לייגן אביסל קב חומטין, אזוי זאגט ער.

מ'קען זיך פארשטעלן די מדריגות פון יראת שמים פון "נפש החיים" - אבער, מ'רעדט דאך אלץ; דער רבי האט גערעדט וועגן צדיקים. אף על פי כן, ביי זיי איז געווען דער ווארט **"נאר לערנען!"**

**"די חסידים זאגן נאר תפילה"** - גאר א מאל ביי חסידים האט מען בעיקר אזוי גערעדט, דער "יושר דברי אמת" שרייבט אזוי [יב] אז דער עיקר איז.. (-תפילה). פון רבי'ן אליין איז אויך דא אזעלכע דיבורים - אז מיט תפילה אליין קען מען זוכה זיין [יג]..

אבער, האט דער רבי געזאגט: **"אבער איך זאג, מ'דארף דאווענען און לערנען און דאווענען** [יד]**"**.

ר' אברהם ר' נחמנ'ס האט געזאגט [טו]: אז דערפאר [שבת און יו"ט] דארף מען דאווענען שחרית (תפילה), און נאכדעם קריאת התורה (תורה), און נאכדעם מוסף (תפילה) – 'דאווענען לערנען און דאווענען'. **ס'גייט צוזאמען**; דאווענען, לערנען, און דאווענען.

---

**יב.** ראה יושר דברי אמת סימן ח' שלימוד התורה לשמה עניינו להתדבק בהשי"ת, וזה לא ניתן כי אם על ידי תפילה בהתלהבות. ושם בסימן ל"ג שעיקר הכנעת היצר היא רק בשעת התפילה. ושם בסימן ל"ז שעיקר קיום ובירור כל העולמות הוא רק ע"י התפילה. וראה גם ב'קונטרס אחרון' בסוף ספר התניא ד"ה 'הנה': "ועיקר העבודה בעקבות משיחא היא התפילה כמ"ש הרח"ו. (מתוך שיש"ק ג, שצ"ו בהערות).

**יג.** ראה ליקו"מ תורה ק"י תנינא ובשיחות הר"ן שיחה ע"ו בסופו ובליקו"מ תורה ל"א מענין ב' הבחינות של צדיק ולמדן ומהו העיקר וכו', עיי"ש.

**יד.** ובעני"ז ראה עוד בשיחות הר"ן רפ"ז: אָמַר, מַה יֵּשׁ לְהָאָדָם לַעֲשׂוֹת בְּזֶה הָעוֹלָם, אֵין צָרִיךְ כִּי אִם לְהִתְפַּלֵּל וְלִלְמֹד וּלְהִתְפַּלֵּל. מֶע בַּאדַארְף מֶער נִיט נָאר **דַּאִווינֶען אִין לֶערְנֶען אִין דַּאִווינֶען**. ובליקו"מ תורה ב': תּוֹרָה וּתְפִלָּה הֵם מְחַזְּקִים וּמְאִירִים זֶה לָזֶה, **עַל־כֵּן צְרִיכִין לַעֲסֹק בִּשְׁנֵיהֶם דַּיְקָא**. ובליקו"ה דיינים ג, ט ועוד.

**טו.** ראה שיש"ק ג, שצ"ז בהערות.

וואס הייסט 'דאווענען לערנען און דאווענען'?! - "דאווענען לערנען און דאווענען" הייסט אזוי: אז די ערשטע זאך: א מענטש אז מ'רעדט פון לערנען, דארף ער דאווענען צום אויבערשטן ער זאל לערנען. נאכדעם וואס ער לערנט דארף ער וויסן: אז דער לערנען וואס ער האט שוין געלערנט איז נאכנישט אלעס; ס'פעלט נאך אסאך. דארף מען ווייטער גיין דאווענען. און נאכדעם דארף מען איבער א נייעס.. (- מאכן דאס זעלבע).

דאס זאגט דער רבי (אין תורה ב') - די תורה דארף שיינען די תפילה און די תפילה דארף שיינען די תורה, ס'דארף גיין אהין און צוריק, ס'דארף זיין געפלאכטן; די תורה מיט תפילה דארף גיין צוזאמען. און דעמאלט'ס ווערט פון דעם **"והיה ה' למלך על כל הארץ"** - ס'ווערט נתגלה פון דעם 'כבוד ה' יתברך'; דער גאנצער לערנען מיינט נאר כבוד ה'.

## מיר מיינען נישט קיין געלט..

א מענטש האט עפעס א לערנען און ס'האט נישט קיין שייכות מיטן אויבערשטן - **וואס א כבוד ה' יתברך איז דאס?!** א מענטש דאוונט, און דער גאנצער דאווענען מיינט נאר; ער בעט נאר זאל זיין 'השפעות טובות', מאכן אסאך געלד.. קומט אויס אז דער גאנצער תפילה איז גאר א נידריגע זאך[טז]! אזא תפילה וואס ס'מיינט נאר געלד, אזא תורה;ביידע מיינען נאר געלד - ער מאכט געלד דורך תפילה, ער מאכט געלד דורך תורה.

ער איז ממשיך (דורכן דאווענען) 'השפעות טובות' און די אלע נגידים קומען און געבן פדיונות, האט ער טאקע השפעות טובות.. און דער צווייטער לערנט, אסאך געלד - קומט מען צו אים פרעגן שאלות, אדער מ'מאכט אים עפעס

---

**טז.** ראה בליקו"ה ראש חודש ה' אות ג, ד, כב. ובהל' מילה ה' ד-ז. (וראה גם בליקו"מ תורה י"ד, ט. ובליקו"ה הל' שוכר ב, ד.)

א נשיא אויף די מוסדות.. איך ווייס, אויף א אופן אז אויף דעם וועג האט ער פרנסה.

**עכ"פ,ביידע; ער מיינט אז די תורה מאכט געלד און דער צווייטער מיינט אז די תפילה מאכט געלד..** אבער אז די תורה מיט די תפילה גייט צוזאמען, ווערט פון דעם 'והיה ה' למלך על כל הארץ'; נישט די תורה מאכט געלד, נישט די תפילה מאכט געלד - נאר דער אויבערשטער גיבט געלד!

מ'דארף נישט קיין שום מיטלען אינמיטן, מ'פארשטייט איין זאך: אז די תורה איז געמאכט געווארן צו קענען בעסער דאווענען, און דער דאווענען דער עיקר בעט מען אז די תורה זאל מיר מער לייכטן, די תורה זאל זיין מער בשלימות.

דאס איז דער עיקר וואס דער רבי האט גערעדט "**מ'זאל מאכן פון תורות תפילות**"[יז] - ער רעדט אסאך ארום פון דעם, ר' נתן רעדט אסאך ארום פון דעם, ר' אברהם ר' נחמנ'ס.. - ס'איז דא אסאך דיבורים ארום דעם, דער עיקר תפילה פון א מענטש דארף זיין אויף די תורה. **דער עיקר תפילה דארף זיין אויף תורה - אז ער זאל לערנען תורה, די תורה זאל אים לייכטן.. דאס איז דער עיקר תפילה!**

אז די תפילה פון א מענטש איז דער עיקר אויף גשמיות, איז שוין יענע תפילה..

נאר פארקערט, דער וואס ער לערנט תורה און ער איז זיך נישט מתעסק אזויפיל אין גשמיות - אז ער זאגט "**רבונו של עולם גיב מיר פרנסה**" - דאס איז דער כבוד התורה - "**אז איך דארף נישט טראכטן פון גשמיות, דו וועסט מיר געבן פרנסה!**"

די גשמיות אליין איז כבוד ה' יתברך - ער בעט דעם אויבערשטן, ער בעט דעם אויבערשטן. **ער בעט דעם אויבערשטן: "איך וויל, איך וויל תורה, און**

---

**יז.** ראה ליקו"מ תורה כ"ה תניינא, שיחות הר"ן קמ"ה, הקדמת הליקוטי תפילות, על"ת מכתב שצ"ז, ובליקו"ה ראש חודש ה' באריכות נפלאה.

**איך וויל כשר'ע פרנסה אָן פארשוואַרצט ווערן**, און דורך דעם וועט מען וויסן אז ס'איז דא א גאט אויף דער וועלט, דורך דעם וועל איך וויסן פון דיר!" – איז אז ס'גייטביידע צוזאמען (תורה ותפילה); דעמאלט'ס איז **'והיה ה' למלך על כל הארץ'!**

## "הראיתם כבוד התורה כזה?!"

[חוזר לביאור המשל בחיי"מ פ"ח:] **דערציילט דא דער רבי ווייטער: אז בחול איז** געווען א חתונה, און ס'איז געווען אסאך כלות, 'עלמין דילה' – **"וכלה אחת היתה בהם חשובה מכולם"** - דאס איז די מסכתא, די מטרוניתא, די תפילה. **"והיתה נראית בעיני העולם חשובה מהם"** - די וועלט האט געזען אז זי איז חשוב'ער. דער רבי זאגטיח אז תפילה איז 'ברומו של עולם' (ובני אדם מזלזלים בה וכו'); היינט איז די תפילה אין גלות זעט מען נאכנישט די חשיבות - אבער ס'קומט א צייט, וואס די גאנצע וועלט זעט אז די עיקר מעלה איז תפילה.

**"והיה שם קאפעליעס היינו כלי שיר שמנגנים, וראיתי שנפתח פתח -** האב איך געזען, אז פון די חתונה האט זיך געגעבן א עפן א פתח - **ונכנסו אל הישיבה, והיו מתאספין המון רב אל הישיבה"** - ס'איז געווען א גרויסער רעש, מ'לויפט, אלע לויפן אריין אין דער ישיבה, אלע קומען זעהן די חתונה..

**"וכשראיתי שמתרבים והולכים"** - דערציילט דער רבי אויף זיך – **"הייתי מחשב איך אוכל לכנוס בין המון רב כזה"** - אז דא ווערט אזא מצב דא; ס'ווערט א מצב דא.. מיט א גרויסע עולם, און מיט א גרויסע רעש.. - **ווי קומט דער רבי אריין אין אזעלכע פלעצער?!**

וואס האט דער רבי מיט אזעלכע זאכן?! - א מצב מיט 'כבוד התורה'; כבוד התורה, כבוד התורה.. מיט א רעש, מיט א המון עם.. - ווי האב איך א שייכות, ווי קום איך דא אריין אין דער גאנצער ענין?!

---

**יח.** ראה ליקו"מ תניינא תורה א, ח. ושם בתורה צ"ג.

**"וחטפתי עצמי לשם"** - האב איך זאך געגעבן א רוק אריין. ווייל דער רבי ווייסט דאך פארט וואס איז די תורה, האט ער זאך געגעבן א רוק אריין דארטן - **"והייתי עומד על גבם"**. ער איז שוין געווען איבער אלעמען. ער איז נאר אריינגעאנגען, איז ער שוין געווען איבער זיי אלעמען..

**"והיה שם ראש ישיבה שהיה לומד עמהם, והיה שם כבוד התורה גדול מאוד והכלות היו מרקדים, והעיקר היה הכלה החשובה הנ"ל שהיא היתה מרקדת שם, וכל מה שהיתה הקאפעליע מנגנת איזה ניגון היתה היא מזמרת את הניגון בעצמה אחר כך** - די אלע קאפעליעס, די אלע קליינע כלות, די אלע האבן געזונגען. אבער שפעטער האט זי (אליין) געזונגען..

און אז זי האט געזונגען - **"והיה שם כבוד התורה גדול מאוד"** - אז די כלה אליין זינגט, אז זי זינגט; דאס איז די תפילה, דער ניגון..

**אז זי זינגט, ווערט פון אלע הלכות צוזאמען; פון אלע קליינע כלות - ווערט פון דעם איין גרויסן מטרוניתא!**

**אז זי זינגט, ווערט פון דעם א כבוד ה', כבוד התורה. זעט מען וואס די תורה איז, זעט מען וואס דער נותן התורה איז!**

**"והיה שם כבוד התורה גדול מאד" - -**

דערציילט דער רבי: **"ונפלאתי הרבה מאד על גודל כבוד התורה שהיה שם** - כ'האב זיך געוואונדערט אויף אַזאַ גרויסע כבוד התורה. **ודברתי עם האנשים שהייתי מכיר עמהם** - כ'האב גערעדט מיט מענטשן וואס כ'האב זיך געקענט מיט זיי [דער רבי קען זיך מיט מענטשן וואס ער קען זיך מיט זיי; גרויסע צדיקים] האב איך זיי געפרעגט **"הראיתם כבוד התורה כזה"** - איר האט געזעהן אזא כבוד התורה?!

אסאך כבוד התורה'ס איז דא - אבער אזא כבוד התורה האט איר שוין געזען?! אז ס'ווערט פון די תורה, תפילה. אז ס'דא א חשוב'ע כלה, מיט אלע

כלות, אלעס.. (- די חתונה, די קאפעליע'ס, די זינגעריי..) – **"אַזאַ כבוד התורה האט איר שוין געזען?!"**

**"וכפי הנראה היו עוסקים בלימוד הפשוט בנגלה, כי הנראה היה שהיו שם רבנים וגם הספרים היו מראים על זה, שהיו ספרים גדולים מאד"** - נישט ווי מ'זאגט ער לערנט 'שולחן ערוך הקטנים' (אָן די אלע נושאי כלים..) - א גרויסן; א ספר אזוי ווי שולחן ערוך, מלערנט פון אויבן און פון אונטן, מ'האלט אין איין לויפן אהין און צוריק - א גרויסער שולחן ערוך!

ס'נישט נאך אזא סארט לימוד (אזוי ווי 'הלכה') - מ'לערנט; מ'האלט אין איין לערנען, מ'קוקט אהער, מ'קוקט אהין, ספרים גדולים, שו"ע, מיט רבנים..

**מ'האט אמאל געזען אזא זאך, אז דאס אלעס גייט אריין אין תפילה?!** און די גרויסע כלה, די חשוב'ע כלה, זי זינגט א ניגון.. - פון דעם אלעס (- דער גאנצער שו"ע און מצב פון כבוד התורה..) קומט ארויס א מורא'דיגער ניגון, א מורא'דיגע תפילה, א מורא'דיגע כבוד ה' יתברך ("והיה ה' למלך על כל הארץ").

**"והייתי עומד על גבם"** - דאס איז דער משה, דער צדיק. אלעס, אלץ קומט אן צום צדיק. דאס איז די חתונה (אזוי ווי מ'האט גירעדט פריער פון 'כלת משה'..) - אז די כלה קומט צום חתן, און דער חתן איז מַעֲלֶה די תפילה וואס ס'קומט ארויף פון אזא הויכן פלאץ – **"אזא כבוד התורה האט איר שוין געזעהן?!"**

## 'דעם רעבינ'ס זאך' לייגט זיך אנדערש...

ווי **ר' גמליאל** [רבינוביץ] שיחי' אליין איז געקומען רעדן ביי אונז ביים [מעמד] **"כבוד התורה"**[יט] - ר' גמליאל האט אליין געזאגט, 'כבוד התורה!' אז מיר האבן אזא זאך, אזא 'תורה בעמידה'; אזא זאך האט איר נאכנישט געזען!

**יט.** מעמד חלוקת התעודת לנבחנים על מקצעות ההוראה שהתקיים אז ע"י מבצר הכוללים שע"י מוסדות קרן אור אור לכ"ט חשון תשפ"ב.

אזא זאך? - ס'נאך קיינמאל נישט געווען אזא זאך..

אזא זאך?! - **יונגעלייט, וואס ווייסן פון חצות וואס ווייסן פון התבודדות וואס שרייען צום אויבערשטן, און דאס אלץ גייט צוזאמען מיט תורה, מיט שולחן ערוך, מיט ליגן די קאפ אין שו"ע.. - [דאס] וואס ר' יעקב מאיר** (שכטער) **שיחי' האט אלע יארן אויסגעבענקט, ר' לוי יצחק** (בנדר) **ז"ל האט אויסגעבענקט; אויף די אלע - -**

די וואס האבן קונה געווען, סיי **ר' יעקב מאיר** שיחי' וואס איז געזעצן א גוטע פאר יאר נאך די חתונה ער האט געלערנט אין דער ערשטער מחזור פון (ישיבת) **"תרביצ"א"** מיט **ר' מאיר'ן** (בראנדסדארפער) ז"ל מיט **ר' משה הלבערשטאם** ז"ל, די ערשטע מחזור איז ער געווען פון דעם ישיבה.

[אזוי אויך:] **ר' לוי יצחק [בנדר] ז"ל** נאך פאר ער איז געקומען אין ברסלב - נאך אלץ בחור האט ער געלערנט אין א ישיבה וואס איז געווען אין פולין [כ]. ס'איז געווען א ישיבה פון **"מאקוב'ער ישיבה"**. ס'איז געווען א ישיבה עקסטער צו מאכן 'כלי קודש' - מ'האט געלערנט דארטן הלכה למעשה, מ'האט געלערנט דארטן שחיטה, מ'האט געלערנט דארטן טריפות. מ'האט געלערנט דארטן אלץ אויף הלכה למעשה, צו מאכן רבנים, צו מאכן שוחטים, צו ארויסברענגען כלי קודש. דאס איז געווען, ס'איז געווען א **"ראדזעמינ'ער ישיבה"** - דער תכלית פון די ישיבה איז געווען צו מרבה זיין כלי קודש ביי כלל ישראל.

איז געווען איינער פון די לומדים "[ר'] **איציק'ל אטוואצקער** [כא]" האט ער געהייסן, ער איז געווען א שארפע קאפ, א גרויסער למדן. און ער האט זיך

---

**כ.** על קורות ימי החסיד רבי לוי יצחק בנדר ז"ל בימי בחרותו ראה בארוכה בספר 'איש חסידך' פרק ב' ואילך. ובטעם זקנים קונטרס כ"א עמ'11 ואילך.

**כא.** החסיד ר' **יצחק קרקובסקי** מלודז' הי"ד המכונה ר' איציק'ל אטוואצקער ע"ש עיירת המרפא אטוואצק ששהה שם רבות לצורך בריאות ריאותיו, ראה בהרחבה בספר 'איש חסידך'.

ארויסגעכאפט, וועגן עפעס א מעשה שהיה האט ער זיך ארויסגעכאפט - און ער איז געפארן אין אומן, ער איז געווען דארטן א האלבע יאר, און ווען ער איז צוריקגעקומען פון אומן איז ער צוריקגעקומען מיט טויזנט 'שיחות' און ער האט אנגעהויבן רעדן.. און די גאנצע ישיבה אלע זענען געווארן ברסלב'ער..

דער משגיח האט געזאגט "וואס טוט מען דא?" - האט ער געשיקט זיין רבי'ן פרעגן וואס טוט מען. האט ער געזאגט: "מ'טשעפעט זאך נישט!" ס'איז ערליכע בחורים מ'טשעפעט זיך נישט. האט ער זיי געלאזט.

שוין, ס'געקומען שפעטער האט אויסגעבראכן די ערשטע וועלט-מלחמה, די גאנצע ישיבה איז נתפזר געווארן, און די ברסלב'ער בחורים האבן געכאפט: 'אה, אויב אזוי דארף מען פארן אין אומן!'.. – זענען אלע געפארן אין אומן.

זענען זיי געפארן אין אומן און דארטן זענען זיי אנגעקומען א גאנצע קבוצה תלמידי חכמים, זיי זענען געווען די עובדי ה' אין אומן; 'א אור!' – ס'איז אנגעקומען א עולם פון שארפע בחורים, תלמידי חכמים – זענען זיי געווען דארטן אין אומן עפעס א פאר גוטע יארן און זיי זענען געווארן עובדי ה'; 'שטארקע בחורים!'

די בחורים וואס זענען (איבער) געבליבן, זיי האבן פארשפרייט ברסלב אין פוילן – פון דעם איז געווען במשך די לעצטע צוואנציג יאר (פאר די שואה), איז געווארן א ליכטיגקייט פון רבי'ן אין פולין. פול לומדים, גרויסע לומדים זענען געווען – די פוילישע מקורבים גרויסע לומדים זענען זיי געווען..

און **ר' לוי יצחק**, ער האט אנגעיאגט; ער איז געקומען האט ער שוין געהאט א גוטע פאר יאר פארדעם וואס ער איז געלעגן גוט אין לערנען – איז ער געקומען אין אומן, דארט איז נישט געווען קיין ישיבה, דארטן האט מען (- אליין געדינט דער אויבערשטער).. און מיט די הקדמה וואס ער האט געהאט האט ער שפעטער ממשיך געווען. ער האט געלערנט האט ער קונה געווען וואס ער האט קונה געווען!

**עכ"פ** (מ'זעהט אין זאך); **די אידן וואס האבן טועם געווען א טעם פון א ישיבה, פון א כולל, פון לערנען גוט - האט זיך דעם רבינ'ס זאך געלייגט אויף זיי גאר אויף עפעס א אנדער אופן; ס'לייגט זיך אנדערש - -**

## רבוש"ע איך קלעפ זיך נישט מיט די גמרא..

א יונגערמאן זיצט אין כולל, ער איז קונה די תורה, איז מיט א ערנסקייט, מיט א קביעות, די תורה איז ביי אים חשוב. נישט עפעס א תורה 'דרך ארעי'; מ'קומט מ'כאפט א בליק, מ'כאפט אהער מ'כאפט אהין.. "**תורתו נעשית קרעים**[כב]" - מ'קומט ווען מ'וויל קומען, און אינמיטן לערנען האלט מען אין איין רעדן, און די גאנצע תורה איז נאר דרך ארעי (ה"י).

[איר ווייסט דאך; מ'האט נאכנישט מחליט געווען צו איך גיי בלייבן דא צו איך גיי נישט בלייבן דא (אין כולל).. דער גאנצער לערנען, די גאנצע מעשה איז נאך ביי אים איין גרויסע פראווע און איין גרויסע צושאקלטע מעשה..]– - **וואספארא טעם, וואספארא פנים האט שוין די תורה? וואספארא כבוד התורה איז דאס?!**

אבער אז יונגעלייט זענען זיך קובע - ער ווייסט: "דא איז מיין פלאץ, דא וועל איך פעכעוון, דא וועל איך שוויצן, דא וועל איך פארשעמט ווערן.. דא וועל איך זיך שטארקן, דא וועל איך זיך פרייען מיט יעדע ביסל. און איך וועל פראבירן, איך וועל שרייען צום אויבערשטן אויף דעם וואס איך לערן נישט, און מאכן פון די 'תורות-תפילות', מצרף זיין די תורה מיט די תפילה".

און ווער ס'וויל מצרף זיין די תורה מיט די תפילה [זאל וויסן]: אנשטאט צו זיין א "**מפסיק ממשנתו**[כג]"; יעדער רגע גיין רעדן דברים בטלים - זאל ער

---

**כב.** ראה גמ' סנהדרין עא: כל הישן בבית המדרש **תורתו נעשית לו קרעים**. (משכח למודו ואינו נזכר אלא בסירוגין, רש"י.)

**כג.** ראה אבות ג, ז ובגמ' חגיגה דף יב: עבודה זרה ג:

זיצן, און ווען ס'לערנט זאך נישט זאל ער מפסיק זיין מיט די תורה, זאל ער אביסל מתפלל זיין, זאל ער בעטן: **'רבש"ע, איך זיץ ביי די גמרא ביי די שו"ע, און כ'האב נישט קיין חשק צום לערנען.. העלף מיר!'**

זאגט אים דער רבי[כד]: **"אביסל איז אויך גוט**, איז לערן נאך פינעף מינוט!– - לערנט ער נאך פינעף מינוט. [זאגט ער:] "רבי, ס'האט זאך געענדיגט די בענזין; כ'האב געלערנט צען מינוט, נישט פינעף מינוט, די בענזין האט זיך געענדיגט!" - בעט ער ווייטער: "רבוש"ע העלף מיר!" ער בעט; אנשטאט צו גיין רעדן מיט חברים - 'דבר אל עצים ואבנים' זיי ווען דיר גארנישט העלפן.. - רעד צום אויבערשטן!

"רבוש"ע איך בין געבליבן שטעקן דא! איך בין געקומען אין כולל, איך זיץ שוין אין כולל, איך שטעק דא; איך האלט נישט ביים לערנען'.. רבוש"ע, מדארף ליגן אין שאול תחתית, מ'דארף ליגן אין 'הודו', מ'דארף פארן אין הודו צו זיין א בעל תשובה?!'

"איך זיץ דא אין שאול תחתית – (איך בין) אין כולל און מ'האלט נישט ביים לערנען. איך זיץ דא אין כולל און מיין פנים איז צו ארויסגיין פון כולל, מיין פנים איז צום שאול תחתית".. – יענער (פון הודו) איז שוין אין 'שאול תחתית' מיטן פנים אויף צוריק, ער איז נאך מיטן פנים צום שאול תחתית..

"רבש"ע, איך ליג דא מיטן פנים צום שאול תחתית - איך האלט נישט ביים לערנען, כ'האב פיינט די גמרא רח"ל, כ'האב פיינט די תורה, איך ליג

---

**כד.** כוכבי אור שיחות וסיפורים ממוהרנ"ת ס"ה: מוֹהֲרַנַ"ת זַ"ל סִפֵּר, שֶׁקֹּדֶם שֶׁנִּתְקָרַבְתִּי לְרַבֵּנוּ זַ"ל כִּמְעַט הָיִיתִי רָחוֹק מִלִּמּוּד. בִּשְׁבִיל שֶׁרְצוֹנִי הָיָה לִהְיוֹת מִן הַמַּתְמִידִים, וְכֵיוָן שֶׁבָּאתִי לְבֵית הַמִּדְרָשׁ וְנִזְדַּמֵּן לִי אֵיזֶה מְנִיעָה וְלֹא הָיִיתִי יָכוֹל תֵּכֶף לִלְמֹד לְמַדְתִּי מְעַט, וְעָבַר אֵיזוֹ מְנִיעָה, כְּשֶׁעָבַר זֹאת פַּעַם פַּעֲמַיִם וְשָׁלֹשׁ כְּבָר הִתְיָאַשְׁתִּי מִיּוֹם זֶה, וְהַהַתְמָדָה יַתְחִיל מִיּוֹם שֵׁנִי, וְכֵן אֵרַע לִי בְּיוֹם שֵׁנִי בַּאֲפָנִים אֲחֵרִים, וְכֵן בְּיוֹם שְׁלִישִׁי, עַד שֶׁנָּפַלְתִּי לְיֵאוּשׁ וְנַעֲשֵׂיתִי בַּטְלָן גָּמוּר. אָמְנָם כְּשֶׁנִּתְקָרַבְתִּי לְרַבֵּנוּ זַ"ל וְאָמַר לִי אוֹדוֹת זֶה **"אַבִּיסֶעל אִיז אוֹיךְ גוּט"** (מְעַט גַּם־כֵּן טוֹב), כְּשֶׁבָּאתִי אַחַר־כָּךְ לְבֵית הַמִּדְרָשׁ וְרָאִיתִי שֶׁאֵינֶנִּי יָכוֹל לִלְמֹד הַרְבֵּה כִּי אִם מְעַט, וְנִזְכַּרְתִּי בְּדִבְרֵי רַבֵּנוּ זַ"ל אַבִּיסֶעלֶע אִיז אוֹיךְ גוּט וּבְכֵן לָמַדְתִּי מְעַט, אַחַר־כָּךְ אָמַרְתִּי אֶלְמֹד עוֹד מְעַט וְלָמַדְתִּי עוֹד מְעַט. וּמְעַט מְעַט יָצָאתִי מִידֵי הַיֵּאוּשׁ וְנַעֲשֵׂיתִי מַתְמִיד. (וראה עוד בשיש"ק הישן ח"ג תקמ"ו)

אין שאול תחתית רח"ל.. טאטע 'מבטן שאול שועתי'; איך קלעפ זיך נישט מיט די גמרא, איך קלעפ זיך נישט. איך קלעפ זיך נישט מיט די הייליגע גמרא" - -

## גהינום וגן עדן משמשים בערבוביא

די וואס גיבן ארויס "פאר הליקוטים[כה]" ברענגען זיי דארטן אויף תורה כ"ב א' שטיקל פון ספר **"מאור עינים"** וואס ער זאגט: וואס הייסט, וואס איז דאס גיהנום - דער רבי זאגט (דא אין תורה כ"ב[כו]) אז ס'איז דא גיהנום אויף דער וועלט - זאגט ער (- דער מאור עינים) וואס איז דאס גהינום, וואס איז דער גהינום? – **"אז א איד קען זיך נישט מדבק זיין אין דעם אויבערשטן, דאס איז דער גהינום!"**

א איד, ער קען נישט, ער קען נישט! ער פראבירט דאווענען מיט כוונה, ס'גייט נישט. ער וויל לערנען, ס'גייט נישט. **דאס איז דער גהינום!** דער גאנצער גהינום וואס מ'רעדט; דאס איז דער גהינום – דאס (אליין) איז דער גהינום!

דער רבי זאגט אין ספר המידות[כז]: אז מ'קען זעהן; **אויפן פנים פון א מענטשן קען מען זעהן זיין גן עדן**, אז מ'זעט 'זיו פניו'; מ'זעט א מענטש'ן - דער גן עדן איז שוין דא אויף זיין פנים. ער לעבט; ער לעבט צום אויבערשטן, ער טראכט פון אויבערשטן, ער פריידט זיך מיטן אויבערשטן.

**כה.** "פאר הליקוטים" - ספר על ליקוטי מוהר"ן עם שלל מדורים וליקוטים סביב התורות בהוצאת מכון 'שיר חדש'. ושם בתורה כ"ב (עמ' תצ"ה במדור ערכים וכינויים) מובא דברי ה'מאור עינים' (פר' כי תשא) בזה"ל: **כשאדם מדבר דברי תורה ותפילה ורוצה לידבק אל ה' ומבלבלים אותו ומחשבתו לחשוב בדברים אחרים, זה נקרא דינה של גהינום ממש.**

**כו.** בסוף התורה וז"ל: הַגַּן עֵדֶן וְהַגֵּיהִנֹּם הֵם בְּזֶה הָעוֹלָם מַמָּשׁ אַךְ אִי אֶפְשָׁר לָבוֹא לְשָׁם מֵחֲמַת הַקְּרִירוּת שֶׁבְּצַד צָפוֹן וְדָרוֹם וכו'.

**כז.** ספר המידות ערך צדיק ח"ב אות ה': כָּל אָדָם מְצֻיָּר בְּזִיו פָּנָיו גַּן עֵדֶן שֶׁלּוֹ.

ער לערנט, ער פילט א טעם אין לערנען - א טעם אין די גמרא, א טעם אין דעם שו"ע, א טעם אין משניות, א טעם אין חומש רש"י, א טעם אין רבינ'ס ספרים - ער האט געהאט א טעם! ער האט א טעם אין דאווענען, ער האט א טעם אין אידישקייט - אויף זיין פנים זעסטו דעם גן עדן.

אויף דעם (אנדערן) זעט מען דעם גהינום אויף זיין פנים; מ'זעט א מענטש, א פארקלאפטער מענטש, א פארקלאפטער מענטש.. ער האט נישט קיין שום שייכות צו א 'דבר אלוקות', ער ווייסט נישט וואס מ'רעדט צו אים; ער ליגט פשוט אין גהינום. ער ליגט פשוט אין שאול תחתית - **זאל ער שרייען: "געוואלד, מבטן שאול שועתי!"**

אבער דאס איז א מעשה וואס כאילו (ער איז) איינער אליין.. – (אבער) ביי יעדער איינער איז דער גן עדן מיטן גהינום משמשים בערבוביא' - אט איז ער אין גן עדן, אט איז ארייגעפלויגן א צונג פייער פון גהינום. אט אינמיטן לערנען איז אים אריינגעפאלן עפעס א מחשבה זרה, מיט אנדערע זאכן, ס'שלעפט אים אוועק.. אזוי אין (גן עדן), תוך כדי דעם לערנען, אינמיטן ס'לערנט זאך נישט..

(איז וואס טוט מען?) - **שריי צום אויבערשטן, שריי צום אויבערשטן: "ס'קומט נישט אריין** (- אזלעכע זאכן) **אין דער גן עדן!"**

לערנט מען, אינמיטן ווערט פינסטער שרייט מען צום אויבערשטן.. (און מ'לערנט ווייטער, ווערט נאך פינסטער שרייט מען ווידער אמאל..) – אזוי, תורה מיט תפילה א גאנצע צייט צוזאמען - ווערט פון דעם א דבר מושלם!

און דאס אלעס גייט מיט התקשרות לצדיק - מ'זאל וויסן; א מענטש פילט "וואס איז שוין ווערד מיין לערנען, וואס איז שוין ווערד מיין עבודה, וואס איז שוין ווערד מיין תפילה? פון מיר וועט עפעס ווערן?!" דארפסטו וויסן: האסט א כח הצדיק - דער צדיק וועט זאך אננעמען פאר דיר!

דער רבי זאגט[כח]: **"דופיט אויף מיין כח!"** (סמכו על כוחי) - דער צדיק וועט דיר מאכן לערנען דער צדיק וועט דיר מאכן דאווענען; גיי מיטן כח הצדיק!

דיינע תפילות זאלן זיין מיט 'התקשרות לצדיק' - ס'איז א אנדער תפילה אינגאנצן; א מענטש בעט אליין דארף ער זכותים מ'זאל אים אנקוקן. אבער א מענטש אז זיין תפילה איז מיט התקשרות צום צדיק - ער האט איינער וואס איז זיין אדוואקאט (עורך דין), ער ברענגט אים ארויף די תפילות, ער מאכט פון דעם עפעס!

דער רבי זאגט[כט]: **"איר טראגט נאר וואפנע מיט שטיינער, איך בוי פון דעם בנינים נפלאים"** - דער רבי בויעט פון דעם אויף; דיין תורה ווערט פון דעם 'בנינים נפלאים', פון דיין תפילה ווערט בנינים נפלאים. וועסטו אנקומען - אלץ איז זאך מצרף, משה איז מצרף אלע 'אברי המשכן', אלץ ווערט נצטרף - די תורה מיט די תפילה, אלע חלקי התורה, אלע חלקי התפילה - **אלץ ווערט נצטרף!** ווערט פון דעם א גאנצער משכן און מ'ווערט געהאלפן[ל].

## "מרבה ישיבה" חיזוק פאר א כולל יונגערמאן

זיצן יונגעלייט; זיצן זיבן יאר, און ס'קלייבט זאך אָן. יונגעלייט וואס האבן זיך דערהאלטן - כ'האב געהערט, די ראשי כוללים האבן מיר געזאגט - ס'איז נישט דווקא די בעלי כשרונות, נישט דווקא בעלי כשרונות, נאר יונגעלייט וואס האבן געזעצן - **"מרבה ישיבה מרבה חכמה**[לא]**"**.

---

**כח.** ראה בחיי"מ רכ"ה ומובא בעל"ת מכתב שנ"ג ותכ"ט ועוד.

**כט.** חיי"מ רצ"ג.

**ל.** ענין זה בשלימותו נתבאר בהרחבה בתחילת השיעור עפ"י דברי רביה"ק בתורה ב', ונדפס בקונטרס הקודם מאמר 'כבוד התורה' חלק א' בעמ' ט"ז ואילך, קחנו משם.

**לא.** אבות ב, ז

א יונגערמאן האט זאך דערהאלטן, "בישיבה" איז לשון עכבה[לב] - ער האט זאך דערהאלטן! ער האט געוואלט צען מאל אנטלויפן, אבער ער איז נישט אנטלאפן.. ער האט זאך דערהאלטן; נאך אביסל, נאך אביסל, נאך אביסל - ס'האט זאך מצרף געווען, אלע כוחות האט זיך מצרף געווען און פון דעם איז געווארן א גאנצע זאך!

און אזוי ווייטער, יעדער איינער וואו ער שטייט יעצט, קען ער! - אלעס וואס ער האט שוין מצרף געווען דארף גיין לאיבוד?! שוין אזויפיל יארן משקיע געווען אין תורה - וואס? וועסטו צום סוף גיין, ארויסגיין (פון כולל) אויף זיך צו נעמען צו הבלי עולם?!

ס'איז דאך א שאד אויף דעם - האסט דאך שוין, ביסט **"מאבד מה שנותנין לו**[לג]"; האסט דאך שוין אזויפיל איינגעקויפט, אזויפיל ידיעות האסטו שוין איינגעקויפט - מאך עפעס פון דעם, **ווארף עס נישט אוועק!** נעם עס! שטארק זאך; נאך אביסל, נאך א טאג, נאך א טאג.

און אויב ס'גייט נישט - זיי מתפלל! כסדר; **לערן און זיי מתפלל, לערן און זיי מתפלל!** פון אלעס צוזאמען ווערט; דער צדיק בויעט אויף פון דעם א משכן! אין א טאג וועסטו זעהן וואס איז געווארן..

און אז דו ביזסט זאך גוט מתבונן **וועסטו שוין היינט זעהן** - אז דו האסט [שוין] אסאך זאכן אין די הענט.. און אז דו וועסט זאך דערהאלטן, וועסטו ארויסקומען במלוא הודו והדרו - וועסט זעהן די גאנצע זאך; וועסט זעהן וואס ס'איז געווארן פון דיר!

נאר ווער ס'האט שכל, **דארף זיך היינט איינקוקן**; וואס, ס'איז עפעס א קלייניגקייט?! קוקסט אריין; קוקסט אריין זאכן וואס דו האסט געלערנט פריערדיגע יארן, ס'פארט.. - פראביר עפן אויף א שולחן ערוך פון א פלאץ

---

**לב.** ראה רש"י ויקרא יב, ד

**לג.** חגיגה ד.

וואס דו האסט קיינמאל נישט געלערנט, און קוק די 'שולחן ערוך' וואס דו האסט יא געלערנט, אפילו ווי שוואך דו האסט געלערנט.. - **וועסטו זעהן אז ס'איז דא א חילוק!**

וועסטו זעהן אז ס'איז א חילוק; וועסטו זעהן אז ס'ליגט ערגעץ אין דיר - ס'דא. ס'דא. ס'דא!

זיין א שלימזל? – "נע, ס'איז גארנישט, ס'איז אלעס גארנישט.." - און ער גייט זאך זוכן נייע גליקן. ביז יענע גליקן וועט אים נמאס ווערן; ביז דער בוס פון דעם נייעם פלאץ וועט אים אנהויבן זאגן הערות - וועט ער פארשטיין אז ער איז נישט קיין 'ראש' לשועלים, ער איז געווארן א 'זנב' לשועלים.. דאס איז ער געווארן צום סוף.

נו איז בעסער; שוין בעסער צו זיין א 'זנב לאריות'! - -

שוין, דער אויבערשטער זאל אונז אלעמען העלפן, מ'זאל זוכה זיין צו זיך שטארקן טאקע, בזכות דעם [מעמד] "כבוד התורה", וואס באמת **"הראיתם כבוד התורה כזה?!"** - אזא כבוד התורה וואס מ'האט ב"ה זוכה געווען.

איך פריי זיך אז כאטשי'ג מ'לאזט מיר דא אריין, כ'האב עפעס א שייכות ערגעץ וואו, ערגעץ וואו לאזט מען מיר אויכעט אריין אין דעם גאנצן ענין דא. בין איך פריילאך אז איך האב די זכיה, אפשר וועל איך אויכעט אמאל זוכה זיין צו עפעס קונה זיין..

דער אויבערשטער זאל העלפן אונז אלעמען בזכות התורה ולומדיה ובזכות הצדיקים, זאלן אלץ מגין זיין אויף אונז. דער אויבערשטער זאל אונז אננעמען, ער זאל האבן כבוד שמים פון דעם; ס'זאל נתרבה ווערן כבוד שמים. און אלע זאלן מיט גיין, בלי יוצא מן הכלל. קיינער זאל נישט ארויספאלן - אלע זאלן זוכה זיין, הקטנים עם הגדולים.

'**יברך יראי ה' הקטנים עם הגדולים**[לד]'; אלע זאלן זוכה זיין, קליינע און גרויסע - איך ווייס נישט ווער איז גרויס און ווער איז קליין.. אבער יעדער איינער זאל מיט גיין. יעדער איינער, יעדע ביסל, איז געוואלדיג טייער!

דער באשעפער זאל העלפן אז אלע זאלן זוכה זיין, אלע זוכה זיין צו נכלל ווערן אוואו מ'דארף נכלל ווערן, קיינער זאל נישט ארויספאלן. שנזכה.

---

**לד.** תהלים קט"ו, יג.

# "הַרְאִיתֶם כְּבוֹד הַתּוֹרָה כָּזֶה?!"

"וְעִקָּר הָיָה הַכַּלָּה הַחֲשׁוּבָה הַנַּ"ל שֶׁהִיא הָיְתָה מְרַקֶּדֶת שָׁם. וְכָל מַה שֶּׁהָיְתָה הַקַּפֶּלְיֶע מְנַגֶּנֶת אֵיזֶה נִגּוּן הָיְתָה הִיא מְזַמֶּרֶת הַנִּגּוּן בְּעַצְמָהּ אַחַר־כָּךְ"...

**אז די כלה אליין זינגט. אז זי זינגט; דאס איז די תפילה, דער ניגון..**

**אז זי זינגט, ווערט פון אלע הלכות צוזאמען, פון אלע קליינע כלות – ווערט פון דעם איין גרויסן מטרוניתא!**

**אז זי זינגט, ווערט פון דעם א כבוד ה', כבוד התורה. זעט מען וואס די תורה איז, זעט מען וואס דער נותן התורה איז!**

"וְהָיָה שָׁם כְּבוֹד הַתּוֹרָה גָּדוֹל מְאֹד" – –

(מתוך החוברת "כבוד התורה" – חלק ב')


# חבר יקר !

## קח שותפות קבוע בעסק קדוש זה

**אִיהר קָאנְט זַיין שׁוּתָּף אִין מֶעֶלְ אוּן אִין רָצוֹן אוּן אִין פִּרְקָא**

| לתרומות | ירושלים: | בית שמש: |
| --- | --- | --- |
| | הר"ר יהודה שטרנפלד הי"ו | הר"ר דוב בער רובינפלד הי"ו |
| | 05331.93747 | 05341.52325 |